וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א


# קרית ברסלב בלעטל


פרשת ואתחנן, י"א אב תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון מ"א


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות......7:59
מוצאי שבת......9:28

## א מעשה פון תפלה

### שמשון הערש טייטעלבוים

פארגאנגענעם ערב שבת א האלבע שעה פאר'ן זמן האב איך געדארפט ערגעץ צופארן, אינמיטן פארן איז איין רעדל אויסגעלאפן פון לופט, וואס טוט מען דא א האלבע שעה פארן זמן? איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר דא העלפן אנקומען אינדערהיים פארן זמן, איך האב גערופן חברים, ביז אפאר מינוט זענען זיי אנגעקומען אריין געלייגט לופט, אבער נישט אנגעפילט דעם לאך, אזוי בין איך געפארן ווייטער ביז איך בין נאכאמאל אויסגעלאפן פון לופט, איך האב מיך אפגעשטעלט אין פראנט פון א געוויסע קאנטרי און געטראכט: 'וואס טוט מען יעצט?' איך האב נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר העלפן, אינמיטן האב איך זיך דערמאנט אז איינער פון אנשי שלומינו איז דא אין די קאנטרי פאר זומער, איך קלינג אים אן, און שכח אייבערשטער ער האט מיר געקענט אהיים טראגן, אזוי בין איך נאך אנגעקומען פארן זמן אינדערהיים געזונטערהייט.

### אייזיק ראטה

א) מיין קאר האט אנגעהויבן מאכן פראבלעמען, עס איז ארויף געקומען א היפשע פאר לייטס אין די קאר וואס ווייזט אז מען דארף פאררעכטן דעם קאר, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז די אלע פראבלעמן וואס עס ווייזט אז עס האט - זאל אוועקגיין, דעם נעקסטן אינדערפרי איך שטיי אויף, איך צינד אן די קאר און עס איז נישטא קיין זכר פון די אלע סימנים וואס האט נעכטן געוויזן אז מען דארף דאס פאררעכטן. שכח אייבערשטער.

ב) ביי די קעמפ וואו איך ארבעט מוטשעט מען זיך זייער יעדע נאכט צו מאכן זויבער דעם היכל הבית המדרש וואס איז איבערגעדרייט און שמוציג אויפ'ן העכסט'ן פארנעם, און די בחורים לאזן נישט אלץ צו מען זאל קענען אויפרייניגן, אזוי אויך האט מען זיך געמוטשעט צו טרעפן אפאר גוטע ארבעטער'ס צו אויפרייניגן דעם בית המדרש, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל יא האבן א וועג מען זאל קענען אויפרייניגן דעם פלאץ יעדע נאכט, שכח אייבערשטער עס איז מיר אנגעקומען צוויי גוטע ארבעטער'ס וואס טוען ברוך השם גוט די ארבעט, און די בחורים שטערן זיי נישט פון ארבעטן. שכח אייבערשטער!

### יואל מענדלאוויטש

מען האט געדארפט האבן נייע לייטס אינעם נייעם בנין התלמוד תורה, עס איז דא א פראגראם פון די שטאט וואס גיבט דאס אומזיסט, אבער די פראבלעם איז געווען אז עס איז זייער שווער געווען צו טרעפן די סארט סייז לייטס וואס מיר האבן דא און עס זאל זיין אפראווט ביי די שטאט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל יא עס קענען טרעפן, שכח אייבערשטער נאכן זוכן א שטיק צייט האט מען געקענט טרעפן די סייז.

## סימן טוב מזל טוב

מיט גרויס פרייד
טוהן מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר האברך החשוב
**הערשי שניטצלער נ"י וזוגתו מלכה תחי'**
צו די געבורט פון זייער אינגל בעבי נ"י למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אין די זכות פון העלפן בויען דעם הייליג'ן רבינ'ס מוסדות מיט'ן זיין א מלמד, און אזוי אויך א טיטשער מיט א מורא'דיגע איבערגעגעבנקייט, זאלן זיי זעהן אסאך אידיש נחת פון די און פון אלע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים.

מזל טוב!

## נייעס אין שטעטל

### סיום מסכת שבת

די הכנות זענען גרויס, די התרגשות איז אויפ'ן העכסטן פארנעם, אלע גרייטן זיך צום גרויסן סיום מסכת שבת וואס ווערט געלערנט דורך אלע אינגעלייט, בחורים און אינגלעך אין די קהילה.

דער ראש ישיבה שליט"א איז אונז יעדעס מאל מחזק נאכאמאל אז מען זאל לערנען דעם דף הקהילה יעדן טאג אן אן אויסנאם, דא אין שטעטל ווערט עס פארגעלערנט יעדן טאג אינדערפרי און אויך ביינאכט, אז מען קען אנקומען צום שיעור איז גוט, און אז נישט לערנט מען דעם דף גמרא וואו מען איז, בפרט אויב מען קען עס לערנען אינדערהיים איז גאר גוט, אזוי האלט די ווייב מיט ווי דער מאן לערנט יעדן טאג.

די סיום מסכת שבת וועט פארקומען מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף זונטאג פרשת עקב אין דעם נייעם בנין התלמוד תורה אין די גלילות פון שטעטל, עס איז ערווארטעט גאר א רייכן פראגראם.

ווי אויך גרייט מען זיך אויפצונעמען אלע חשוב'ע עלטערן וואס וועלן קומען מיטהאלטן דעם שיינעם סיום פון זייערע קינדער, וואס עס איז נישט דא קיין גרעסערע נחת פאר עלטערן צו זעהן ווי זייער קינד וואס זיי האבן אריינגעלייגט אין אים אזוי סאך כוחות – לערנט יעדן טאג א דף גמרא, און יעצט איז ער זוכה צו מסיים זיין א מסכתא.

עס איז צום האפן אז מען וועט ארויס נעמען פון דעם סיום – התחזקות צו לערנען דעם דף הקהילה יעדן טאג אן אן אויסנאם, צי מען פארשטייט יא דעם דף צי מען פארשטייט נישט, און ווי מוהרא"ש פלעגט אלץ נאכזאגן פון צדיקים: א דף גמרא דארף זיין א חוב ביי א איד אזוי ווי לייגן תפלין יעדן טאג.

### בית הדפוס אין שטעטל

ביז דערווייל ווילאנג עס איז נאכנישט אויפגעבויעט די נייעם בנין פאר'ן הדפסה, האט מען אויפגעשטעלט דעם בית הדפוס אינעם נייער בנין התלמוד תורה.

עס איז אינטרעסאנט אנצומערקן א גאר אינטערסאנטע מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט דא, מען האט געדארפט אריינצוציען מער לעקטער פאר די הדפסה מאשינען אינעם בנין, בשעת מען האט געארבעט אויף די לעקטער האט מען באמערקט אז אין די עלעקטעריק באקס ברענט אפאר ווייערס שוין א לאנגע צייט רח"ל, ווען נישט מען זאל יעצט ארבעטן צו אריינציען לעקטער פאר די הדפסה ווער ווייסט וואס דא וואלט געקענט פאסירן רח"ל. דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אויסגעדריקט אז מען איז דא געראטעוועט געווארן פון א גרויסע שאדן נאר אין דעם זכות וואס מען דרוקט דעם הייליגן רבינ'ס ספרים און מען פארשפרייט עס אין די גאנצע וועלט.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

## אחדות

בעזרת ה׳ יתברך

יום ג׳ פרשת ואתחנן, ז׳ מנחם-אב, שנת תש"פ לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר, קרית ברסלב ליבערטי.**

איך פריי זיך זייער צו זיין דא אין שטעטל אויפ׳ן זומער; עס האט זיך אזוי געפירט פון הימל אז מיר זאלן נישט האבן קיין קעמפ, אזוי זענען מיר אין שטעטל.

איך בין זייער איבערגענומען פון די ערליכקייט פון דעם פלאץ און בעיקר פון **די אחדות וואס הערשט דא**: די משפחות לעבן אזוי שיין אינאיינעם, יעדער העלפט זיך ארויס איינער דעם צווייטן, יעדער זוכט צו טון גוטס פאר אנדערע - **מען שפירט דעם רבי׳ן אין די לופט**, אלע דיבורים דריידט זיך ארום דעם רבינ׳ס ווערטער.

מען שפירט ווי דער רבי איז דא; אזוי ווי דער רבי האט געזאגט, ווען דער רבי איז אוועק געפארן פון ברסלב קיין אומאן האט דער רבי געלייגט זיין האנט אויף די מזוזה און געזאגט: "תִּרְאוּ לְהִתְקַבֵּץ יַחַד, וּלְהִתְפַּלֵּל יַחַד", איר זאלט זיך האלטן צוזאמען און דאווענען צוזאמען, "כִּי אִם תִּתְפַּלְּלוּ בְּכַוָּנָה, אוּלַי תּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ אוֹתִי לְכָאן עוֹד הַפַּעַם". **אויב איר וועט זיך האלטן צוזאמען און דאווענען צוזאמען, וועט איר מיר קענען ממשיך זיין צו אייך** (חיי מוהר"ן, סימן קפז)".

אז איר וועט פאלגן דעם רבי׳ן וועט זיין וואס דער רבי זאגט (ספר המידות, אות צדיק, סימן קמח): "עִיר שֶׁהִיא צַיָּת אֶת הַצַּדִּיק", א שטאט וואס מען פאלגט דעם צדיק, "אֵין מִלְחָמָה נִשְׁמַעַת בָּהּ", הערט מען נישט אין איר קיין מלחמות, "וְאֵין מְהוּמָה", עס איז נישטא קיין פארלוירנקייט, "וְאֵין שְׁמוּעָה רָעָה", און מען וועט נישט הערן קיין שום שלעכטע נייעס.

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.**

## שעץ די מלמדים און טיטשערס פון דיינע קינדער

בעזרת ה׳ יתברך

יום ד׳ פרשת פנחס, ט"ז תמוז, שנת תש"פ לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר, קרית ברסלב ליבערטי.**

איך בין זיך אזוי מחי׳ צו זיין אין שטעטל; מען קען זיין אפגעהיטן, מען קען זיין ריין; מען זעט נישט דא גארנישט - נארביימער און הימל.

ברוך ה׳ עס איז יעצט אנגעקומען פון ארץ ישראל "ספר עצתו אמונה - חלק ב׳"; אויב דו ווייסט איינער וואס האט פלאץ אריין צו נעמען די ספרים פאר א קורצע צייט, זיי מודיע האברך ... נרו יאיר.

איך ווייס נישט אויב דו ווייסט וואס פאר א מסירת נפש די מלמדים און טיטשערס לייגן אריין אין די קינדער; זיי זיצן רוב טאג מיט דיינע קינדער מיט אייזערנע געדולד, **זאלסטו זיי האלטן טייער און זיי שעצן**. ווען דו זעסט דיינע קינדער׳ס מלמדים זאלסטו זיך אינטערעסירן ביי זיי און זיך באדאנקען, און אויב דו האסט א באמערקונג זאלסטו אים שיינערהייט זאגן און דאס אויסשמועסן.

אויך זאלסטו וויסן אז מיר האבן דא אין שטעטל אינגעלייט וואס זיי גייט גארנישט אן, זיי ווילן נאר בויען דעם פלאץ, **זיי ארבעטן טאג און נאכט מיר זאלן האבן א שיינע קהילה**; זאלסטו זיך באדאנקען פאר זיי און אז עפעס באדערט דיר זאלסטו רעדן מיט זיי.

רבי נתן האט געזאגט: "ווען איך זע צוויי טרעגערס קריגן זיך, שטעכט עס מיר ביי די זייט"; וואס זאל איך דיר זאגן, מיר שטעכט עס אין הארץ.

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.**

צו דינגען א דירה אין שטעטל
רופט מרדכי אהרן היילפרין
845-701-9160

פאר די געברויך פונעם ציבור האט מען יעצט געקויפט צוויי נייעס פרייזערס פאר׳ן בית התבשיל, ווער עס וויל האבן די זכות פון א פריזער זאל זיך מעלדן צו
האברך שלמה יאקאבאוויטש הי"ו
845-637-5367

צו פאררעכטן א קלייד
רופט משפחת וועבערמאן
845-662-4083